# פרשת חיי שרה

## בס"ד. משיחת יום ב' פ' תולדות, ז"ך מרחשון ה'תשמ"ט

**– בקשר לכינוס השלוחים העולמי, בבית הכנסת, לאחרי תפלת מנחה –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

מ'געפינט זיך דאך אין אַ סיום פון אַ כנוס פון שלוחים עולמי,

וכמדבר שוין פריער, אַז מ'האט דאס מוסיף געווען – אָדער מדגיש געווען על כל פנים – דער ווארט "עולמי",

וואס דאס איז מעורר יעדער אידן, בתוך כלל ישראל, [על אַחת כמה וכמה – די וואס האבן באקומען דעם חנוך דורך די שיחות און דורך די מאמרים פון נשיא דורנו, פון רבי'ן דעם שווער], אַז "העולם נתן בלבו[1]",

אַז צו אים איז געווענדעט כל ענינים פון "מורשה קהילת יעקב", וואס דאס גייט דאך אויף תורת משה, אויף כל הענינים וואס שטייען אין תורה,

וואס איינער פון די ענינים וואס שטייט אין תורה, אַן ענין עקרי – "אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני[2]",

וואס דאס איז גלייך מדגיש, אַז "נשמה שנתת בי טהורה היא", און "אַתה בראתה" ביז "אַתה משמרה בקרבי" –

זאגט גלייך תורת אמת – וואס זי איז אויך "תורת חיים", הוראה בחיים – אַז צוליב וואס איז ירדה למטה? – אויף לעשות לו יתברך דירה בתחתונים[3], לשון רבים, אַז דאס מיינט מען ניט נאר אים אַליין, אָדער זיינע נכסים אָדער זיינע בני-בית וכולהו, נאר "תחתונים" לשון רבים, און ווי אָפגעטייטשט אין תניא, אַז דאס מיינט מען כל העולם כלו – אַז ער דארף זיך פירן אין אַזא אופן וואס תורה איז אים מסביר, אַז אויב ער וועט זיך פירן אין אַזא אופן, מאכט ער דורך דערויף אַ דירה לו יתברך אין כל העולם הזה התחתון, ביז אין אַלע פרטים ופרטי-פרטים.

וואס ווי דערקלערט אין תורה, און ערקלערט באַרוכה ובפשטות, איז אַ פשוט'ער איד, [אויף וויפל אַ

---

1) קהלת פרק יג פסוק יא.

2) משנה ובריתא סוף מסכת קידושין

3) תניא פרק לו; מדרש תנחומא פ' נשא טז.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת חיי שרה

איד קען זיין "פשוט"], און נאכמערער – אנשים נשים, אפלו טף, אַז זיי פירן זיך אויף ווי ס'שטייט אין שלחן ערוך – דורך דערויף מאכן זיי אַ דירה לו יתברך בכל העולם הזה התחתון.

אַז ס'רעדט זיך אפלו וועגן אַ מענטשן וואס ער איז ניט קיין עסקן צבורי, און בכלל אַ מענטש וואס ער לעבט זיך פאר-זיך, מאיזו סיבה שתהי', פסק'נט אָפּ דער רמב"ם[4], אַז די מעשה, [וואס אפלו ביי אַ קטן איז אויך דא דער ענין המעשה], איז קען ער מכריע זיין כל העולם כלו לכף זכות, ומביא ישועה והצלה פאר דער גאנצער וועלט.

וואס דאס איז דער באור בפשטות: ווי אַזוי קען מען זאגן אַז אַ קליין קינד קען ברענגען אַ דירה לו יתברך בתחתונים – איז דאס אַ דין אין רמב"ם.

און ניט אַן ענין של "גזרה" – נאר פארשטאנדיק אין אַ שכל הפשוט: ווי אַזוי בשעת ס'איז דא אַ משקולת – אַ מאזנים, אַ וואג – וואס זי איז שקול, מחצה אַזוי און מחצה אַזוי, פארשטייט אפלו אַ קליין קינד, אַז איין און איינציקע נקודה אַז מ'וועט מוסיף זיין לצד אחד – וועט דאס מכריע זיין די גאנצע וואג.

וואס דאס גיט אויך אַ פארשטאנד ווי אַזוי יעדער איד קען זיין אַ שליח, ווארום כמדבר, יעדער איד, אפלו אַ קטן שבקטנים, האט דעם כח אויף צו טאן אַ מעשה וואס האט אַ ווירקונג בכל העולם כלו,

אַזוי ווי אין אַלע ענינים, אָנהויבנדיק פון תורה, איז דאך "כללות ופרטות נאמרה[5]" – אַזוי איז אויך, פונקט אַזוי ווי יעדער איד, על אַחת כמה וכמה כלל ישראל, האבן זיי אויף זיך דער ענין השליחות אויף "לעשות לו יתברך דירה בתחתונים", אַזוי ווי דאס איז דא אין פרטי-פרטיות – אַזוי איז דאס דא אויסגעקליבן פון צווישן אידן עצמם, אַז זיי זיינען נאכמער בהדגשה און נאכמער בגלוי דער ענין השליחות שבהם,

ביז וואנענט אַז ס'איז דא אַזוינע אידן וואס בהשגחה פרטית האט מען זיי אויסגעקליבן, אַז זיי זאלן נתמנה ווערן בהשגחה פרטית אַלס אַ שליח צו נאך אַ קבוצה אידן, אָדער צו גאר אַ גרויסע קבוצה אידן, אָדער צו אַ גאנצע שטאט, אָדער צו אַ גאנצע מדינה וכיוצא בזה,

און מ'האט זיי זיכער געגעבן כחות זיי זאלן דאס קענען דורכפירן, און דורכפירן בשלמות,

על אַחת כמה וכמה – און וואס דאס איז כולל אין זיך אַן ענין עקרי – אַז זיי זאלן מעורר זיין צו די אַלע צו וועלכע זיי קומען אַלס אַ שליח כללי, אויף אין זיי מעורר זיין – אויפוועקן אין זיי – אַז זיי זאלן

---

4) הלכות תשובה פרק ג' הלכה ד'.

5) גמרא חגיגה דף ו' סע"א.



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת חיי שרה

וויסן, דערמאנענ זיך און אויפוועקן אין זיי די כחות דורך וועלכע זיי קענען דורכפירן זייער שליחות,

אַנהויבנדיק טאקע פון זיך אַליין און פון בני-ביתו, אָבער דערנאך איז "מי שיש לו מנה רוצה מאתים[6]" – ער זאל גיין אַלץ מערער מוסיף זיין און מוסיף זיין אַלץ מערער און מערער.

וואס יש להאריך בכגון זה,

וכמדבר, מיט דער הדגשה, אַז דאס רעדט זיך אַז דאס איז אַ "כנוס עולמי", אַז אמת טאקע "קשוט עצמך תחלה[7]", אָבער דערנאך דארף ער טראכטן וועגן דער גאנצער וועלט,

על אַחת כמה וכמה אַז מ'האט אים צוזאמענגעקליבן אין אַ כנוס, און מ'האט אים מודיע געווען, אַז דאס איז אַ "כנוס עולמי", אַז דאס נעמט אַרום די גאנצע וועלט –

וואס דאס איז דער ענין ווי געזאגט פריער, אַז אַף על פי וואס לכאורה איז דאך דאס אַ גוזמא הכי גדולה, אַז ס'קומט צופארן אַ יונגערמאן, אָדער אַ פרוי אָדער אַ מיידל אָדער אַן אינגל, און וואס ער איז אַ שליח במקום מסים, און מ'זאגט, אַז דורך דערויף וואס ער וועט זאגן אַ ווארט במקום מסים – וועט ער איבערקערן אַ וועלט, און וועט מכריע זיין ומביא כל העולם כלו לישועה והצלה!

איז דאס פארשטאנדיק אין באור הפשוט ושכל הפשוט, כמדבר אפלו ביי אַ ניט-אידן פארשטאנדיק, על אַחת כמה וכמה ביי "עם חכם ונבון", כמדבר כמה פעמים.

איז דאס ניט דער פשט, אַז ער איז אַ טייל פון דער וועלט און האט אַ שיכות מערניט [ווי] מיט אָט דער טייל'כל פון דער וועלט – נאר דורך דערויף וואס ער איז אַ טייל פון דער וועלט באקומט ער אַ שיכות צו כל העולם כלו,

ניט נאר אַ שיכות אַז ער האט דעם זכות אין דערויף וואס די וועלט ווערט אַ "דירה לו יתברך בתחתונים", נאר ער האט אויך אַ טייל אין די פעולות, ביז אַ טייל ממש – אַ השתתפות אין דער פעולה דורך וועלכער ס'ווערט אויפגעטאן אין אידישקייט אין אַ פינה נדחת, אין אַ פינה רחוקה פון דער וועלט אין וועלכע ער איז קיינמאל ניט געווען; קיינמאל ניט געשיקט אַהינצו קיין בריוולעך,

אָבער דורך דערויף וואס ער האט גערעדט מיט אַ אידן במקומו הוא, וואס דער איד האט דערנאך

---

6) קהלת-רבה פ"א, יג; פ"ג, יו"ד.

7) גמרא בבא-מציעא דף קז ע"ב



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת חיי שרה

איבערגעזאגט זיינעם אַ ווארט צו אַ צווייטן אידן, איז דאס דערנאך סוף-כל-סוף אָנגעקומען צו אַ אידן אין דער פינה נדחת, און האט אויף אים געהאט אַ ווירקונג,

וואס וועמענס ווארט איז דאס? — איז דאס אָט דער ווארט פון אָט דעם ערשטן אידן וואס האט מגלה געווען אָט דעם ענין וואס ווערט נכלל אין דעם ווארט,

וואס דורך דערויף האט ער בפשטות אַ חלק, און אַ חלק ממשי בגשמיות ביז בחומריות, אין דער הפצת היהדות, אין דערויף וואס, אין דעם צווייטן נסח: אין דערויף וואס אין יענער פינה ווערט אַ "דירה לו יתברך".

———•———



© 2001 Jewish Educational Media, Inc.